בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת בה"ב

גליון קמה שנה ד

מהודרת

יו"ל מכון מחשבת החינוך

המחנך הנפלא

הרב שלמה טייטלבוים שליט"א




# וואס שטייט דא אין דעם מעסידזש?

אין פרשת בחוקותי ליינען מיר די תוכחה וואס משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל, די פסוקים פון די תוכחה איז זייער נישט איינגענעם אויס צו הערן, און דער בעל קורא ליינט דאס אויך שטילערהייט, די גמרא אין מגילה זאגט "אין מפסיקין בקללות" אז מ'שטעלט זיך נישט אפ מיט עליות אינמיטן די קללות נאר איין מענטש מוז ליינען די גאנצע, די גמרא פירט אויס אז די הלכה אז מ'איז נישט מפסיק אינמיטן איז נאר געזאגט ביי די קללות וואס ס'שטייט אין פרשת בחוקותי ווייל דאס איז געשריבן געווארן בלשון רבים, אבער די קללות וואס ס'שטייט אין פרשת "כי תבא דארט מעג מען יא מפסיק זיין אינמיטן ווייל דארט איז דאס געשריבן בלשון יחיד.

לכאורה מוז מען פארשטיין וואס איז א חילוק אין די תוכחה אויב ס'איז געשריבן בלשון רבים אדער בלשון יחיד, וואס האט דאס צו טוהן מיט מפסיק זיין אינמיטן? דער מהרש"א איז מסביר אז וויבאלד ס'איז געשריבן בלשון רבים קען יעדער איינער זיך בארוהיגן אז מ'מיינט יענעם און נישט אים אליין ממילא ליינט מען אלעס אינאיינעם ס'זאל זיך הערן שרעקליכער.

אבער פון דעסוועגן מוז מען נאך פארשטיין מ'רעדט דא פון די תוכחה און ביידע תוכחות זענען דאך גאנץ שרעקליך און ביי ביידע פראבירט מען דאס שנעל אוועק צו ליינען אן צו הערן צו פיהל איז וואס איז א חילוק אויב ס'איז בלשון יחיד אדער בלשון רבים?

דער טור אין סימן מ"ו שרייבט אז אין די צייטן פון דוד המלך איז געווען א מגיפה און יעדן טאג זענען געשטארבן הונדערט מענטשן, כדי אפצושטעלן די מגיפה האט דוד המלך מתקן געווען אז יעדער יוד זאל מאכן יעדן טאג הונדערט ברכות, און דורך דעם האט זיך אפגעשטעלט די מגיפה.

למעשה מאכט יעדער יוד הונדערט ברכות אן צו מאכן ספיציעלע זאכן ווייל נאר די דאווענען אליין פון שחרית מנחה און מעריב איז ארום אכציג ברכות און יעדע סעודה וואס א מענטש עסט איז נאך זעקס ברכות, אזוי אז אן זיך אנצושטרענגען צו פיהל מאכט יעדער יוד הונדערט ברכות א טאג.

לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז דער גרויסער תיקון וואס דוד המלך האט דא געמאכט? אין די צייט פון דוד המלך זענען אויך געווען ערליכע יידן אין כלל ישראל און זיי האבן אויך געדאווענט און געמאכט די ברכות יעדן טאג ווי ס'דארף צו זיין, קומט אויס אז יעדער איינער האט ממילא געמאכט הונדערט ברכות א טאג, איז וואס איז די גרויסע תיקון וואס ער האט דא געמאכט וואס דורך דעם האט ער אפ געשטעלט די מגיפה אין כלל ישראל? וואס איז דאס אזא ספיציעלע תקנה די הונדערט ברכות אויב יעדער איינער מאכט עס במילא יעדן טאג?

*

רבי הערשל איז צוריק געקומען פון ישיבה, אין די פאסט קעסטל האט אים אפ געווארט א בריוו - א הזמנה צו א חתונה, ער דרייט עס איבער פון די אנדערע זייט און ער זעהט צוויי אומבאקאנטע נעמען, ער קען נישט דעם חתן'ס צד און נישט די כלה'ס צד, ער ווייסט נישט ווער דאס איז.

ער גייט אריין מיט דעם און שטוב, און זיין רעבעצין וואונדערט זיך אויך זי קען נישט קיינעם פון די מחותנים.


דער ספיציעלער טלעפאנישער
חינוך קורס
ווי אזוי אויף צו בויען
א גוטע קשר צווישן די עלטערן מיט די קינדער
ווי אזוי אדיין צו ברענגען
א ווארימע אטמאספערע אינדערהיים
ווי אזוי צו היטן
א ריכטיגע מסגרת אין יעדער מצב
דורך המחנך הרה"ג ר' שלמה טייטלבוים שליט"א
צוליב דער יעצטיגער מצב וואס מיר וועגן אלע אינדערהיים מיט די קינדער
א ספיציעלע פרייז אנשטאט £300
בלויז £120
מכון מחשבת החינוך
דרכי חינוך הבית
טעלעפאן קורס פאר עלטערן אויף דרכי חינוך הבית ע"פ דרך רבותינו
07341 479 294




# דבר העורך

די וואכעדיגע סדרה טרעפן מיר דעם איסור פון פארבארגן געלט פאר א יוד און נעמען רבית אויף די געלט, די תורה זאגט אונז "וכי ימוך אחיך..." - אויב דיין ברודער וועט ארעם ווערן און זוכן צו בארגן געלט זאלסטו אים בארגן, אבער "לא תקח מאיתו נשך" - זאלסט נישט נעמען פון אים רבית, לכאורה שטייט דא אין פסוק אז נאר פון א ארעמאן מעג מען נישט נעמען רבית אבער פון א גביר מעג מען יא נעמען, אבער דער פסוק אין כי תצא שליסט צו אז פון קיין איין יוד מעג מען נישט נעמען רבית, אויך ווען יענער איז א גביר.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס זאל איך טאקע נישט מעגן נעמען רבית, יענער בארגט געלט פון מיר, ער מאכט מיט דעם א געשעפט און פארדינט געלט, פארוואס זאל יענער פארדינען און איך נישט?

למעשה האבן חכמים געמאכט א עצה וואס הייסט א "היתר עסקא", דאס הייסט אז דער מלוה ווערט א שותף מיט דעם לווה אין די געשעפט וואס ער מאכט מיט די געלט, און מ'צוטיילט זיך מיט דעם רווחים, אויף אזא אופן קומט אויס אז דאס איז נישט רבית.

אבער באמת דארף מען פארשטיין וואס איז דער גאנצער טעם פון דעם איסור רבית, און אויב ס'איז דא א איסור וואס עפעס קען מען דא מאכן טריק'ס צו פטור ווערן פון דעם איסור, וואס פאר א וועג איז דאס צו מאכן א טריק קעגן א איסור פון די תורה?

נאר דער טעם פון רבית איז – ערקלערט דער כלי יקר – אז ווען א מענטש בארגט די געלט פאר יענעם און נעמט אויף דעם רבית, גייט דער מלוה שלאפן רוהיג און פארזיכערט אז ער דארף גארנישט מאכן און די געלט קומט פארזיכערט פון זיך אליין, אזא איינער פארלירט די מדת הבטחון, אזא איינער פארגעסט זייער שנעל אז דער אייבישטער שיקט אים די פרנסה און נישט זיינע געשעפטן, ער שלאפט רוהיג און די געלט וואקסט, וועגן דעם מעג מען נישט בארגן פאר רבית פאר קיין איין יוד אויך נישט פאר א גביר.

אבער ווען ער מאכט א היתר עסקא, דעמאלס ווערט ער א שותף מיט יענעם אויף די געלט, און אויב ער איז א שותף קען ער דאך אויך פארלירן פון די געשעפט, דעמאלס געדענקט ער צו בעטן און דאווענען אויף זיין פרנסה, ממילא איז נישטא דער חשש אז ער וועט פארלירן זיין אמונה און בטחון אין דעם אייבישטער.

אבער ווען א מענטש פארבארגט פאר א גוי - "אשר פיהם דיבר שווא" – און אפילו ווען ער זאגט אים צו רבית, איז דאס גאר נישט זיכער אז ער וועט אים באצאלן, און ער דארף נאך אלץ צוקומען צו רחמי שמים ער זאל צוריק באקומען זיין געלט און נאך פארדינען עפעס, און אזא פאל איז אונז די תורה מתיר צו נעמען רבית פון דעם גוי.

לויט דעם פארשטייט מען אויך פארוואס קומט דא אריין די איסור פון רבית גלייך נאך די מצוה פון שמיטה, ווייל ביידע זענען די זעלבע עניין, אויך די מצוה פון שמיטה און אויך דער איסור רבית קומען אונז אויס לערנען אז א מענטש זאל זיך נישט איינרעדן אז "כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה", און דער מענטש זאל געדענקען די גאנצע צייט אז דער אייבישטער איז דער איינציגסטער וואס איז דער זן ומפרנס לכל, אויך ווען ס'זעהט מיר אויס אז ס'איז מיין אייגענע קלוגשאפט.

א גוטן שבת

אפשר איינער פון דיינע אלטע תלמידים - פראבירט זי צו פרעגן.

ניין זיכער נישט פון מיינע תלמידים - ענטפערט רבי הערשל.

זיי עפענען אויף די הזמנה נייגעריגערהייט, די נעמען זענען גארנישט באקאנט, אבער פון אינעווייניג פאלט ארויס א קליינע צעטעלע.

"שלום וברכה, איך וועל מיך זייער פרייען דיר צו זעהן אויף מיין חתונה, מיט גרויס הכרת הטוב, יצחק"

איך האב נישט קיין אנונג ווער דאס איז - וואונדערט זיך רבי הערשל - איך בין זיכער אז דער חתן האט א טעות מיט די אדרעס.

אפשר איז דאס א תלמיד וואס איז געווען נאר א קארצע צייט ביי דיר און דו האסט אים פארגעסן - טראכט די רעבעצין הויך.

איך וויס טאקע נישט - ענטפערט רבי הערשל - ווייל אויב ס'איז אזוי וועט ער זיך נאך באליידיגן פון מיר, איך וויס נישט וואס צו טוהן.

רבי הערשל האט מחליט געווען אז נאך דעם נאכט סדר וועט ער אריין גיין צו די חתונה, און אויב ער וועט קיינעם נישט דערקענען איז דאס מסתמא א טעות.

ווען רבי הערשל איז אריין געקומען צו די חתונה אינמיטן די טאנצן האט ער זיך זייער געוואונדערט, ער האט נישט געקענט קיין איין מענטש אין די זאל, קיינער איז נישט געווען פון זיין סארט קרייז, יעצט איז ער שוין געווען זיכער אז ער האט געמאכט א טעות, און ער האט זיך אויס געדרייט ארויס צו גיין פונעם זאל.

ער איז שוין געשטאנען ביים טיר ווען דער חתן האט אים אנגעכאפט מיט צוויי הענט און אים אריין געשלעפט אינמיטן די טאנץ מיט גרויס התלהבות.

ווער ביסטו? פון ווי קענסטו מיר? - פרעגט ער דעם חתן אינאנצן צומישט.

"ולא נכשל" - שרייט אים דער חתן אריין אין די הויער - "ולא נכשל".

יעצט האט שוין רבי הערשל געכאפט און זיך גענומען טאנצן מיט התלהבות.

וואס איז דארט געשעהן? ווער איז דאס געווען? וואס האט ער אים דערמאנט?

לאמיר צוריק גיין איין יאהר פריהער:

רבי הערשל איז צוריק געקומען פון ישיבה פארטראכט אין לערנען, דער שיעור וואס ער האט יעצט געגעבן איז אים נאך ארום געלאפן אין קאפ, ער מוז נאך טרעפן א תירוץ אויף צוויי שווערע קשיות וואס די בחורים האבן אים געפרעגט ביים שיעור, קשיות וואס שטעלן א גרויסע פראגע אויף די גאנצע בניין וואס ער אויף געבויעט אין די שווערע סוגיא, ער האפט אז ער וועט זיך נאך היינט קענען אדורך שמועס'ן מיט גרויסע תלמידי חכמים קלאר צו מאכן די סוגיה, און אזוי פארטראכט איז ער אריין געקומען ביי זיך אינדערהיים.

נאך א שנעלע מיטאג איז ער צוריק געלאפן און בית מדרש און פראבירט נאך אמאל אריבער צו גיין אויף די סוגיא, ער האט אנגעהויבן פון אנהייב די גמרא מיט די ראשונים און פון מינוט צו מינוט האט ער געשפירט ווי אזוי ער ווערט נאך מער צומישט, גארנישט שטימט אים נישט דא, און ער טרעפט נישט א וועג ווי אזוי צו קלאר מאכן דעם ענין, פלוצלינג האט ער באמערקט אז ס'איז שוין שפעט ביי נאכט און ער מוז שוין אהים גיין.

מארגן וועל איך נישט גיין אין ישיבה - האט ער מחליט געווען - איך וועל מיך אוועק זעצן אין א שטילע פלאץ און אנהייבן אלעס פון אנהייב, און בסייעתא דשמיא האף איך צו פארשטיין די סוגיא מיט א קלארקייט.

צומארגנס אינדערפרי' נאך א ווארעמע שחרית מיט ספיציעלע כוונה ביי "והאר עינינו בתורתך", און נאך א שנעלע פרישטיג, האט זיך רבי הערשל צאם געפאקט עפעס צו עסן און ארויס פון שטוב.

איך וועל צוריק קומען ווען איך וועל ענדיגן די סוגיא - האט ער געלאזט וויסן פאר זיין רעבעצין.

מיט א שנעלע החלטה האט ער באשטעטיגט צו גיין צו די גרויסע אוצר הספרים אין שטאט, דארט זענען דא אלע ספרים וואס מ'דארף מיט א גרויסע באקוועמע חדר לימוד, דארט וועל איך זיכער האבן מיין רוהיגקייט צו זיצן און לערנען מיט א פרישקייט - האט ער געטראכט ביי זיך.

רבי הערשל האט זיך אוועק געזעצט אין די אוצר הספרים און זיך אריין געזינקען אין די סוגיא, נאך אפאר שעה האט ער געשפירט אז ער איז הונגעריג, איז ער ארויס צו די זייטיגע צימער ארויס גענומען זיין ברויט זיך געוואשן און געגעסן, נאכן עסן האט ער געבענטשט ברכת המזון הויך ווארט ביי ווארט אזוי ווי ער איז צו געוואוינט.

ווען רבי הערשל האט געענדיגט צו בענטשן, און ער איז אויף געשטאנען ארויס צו גיין קומט צו צו אים א ארבעטורער וואס האט דארט געהאלטן אינמיטן די ארבעט.

ענטשולדיגט מיר רבי ייד - רופט זיך יענער אן צו אים אויף יידיש - איך האב צו געהערט צו יעדע ווארט פון דיין ברכת המזון און איך מיין אז דו האסט געהאט א טעות ביים בענטשן.

ווער ביסטו? - האט זיך רבי הערשל געוואונדערט - דו זעסט נישט אויס צו זיין א יידיש, און א וודאי נישט איינער וואס פארשטייט אין ברכת המזון.

לײדער ביסטו גערעכט - האט ער געענטפערט - איך שטאם פון א היימישע שטוב, איך בין געווען אמאל א ערליכער בחור, אבער איך האב מיך געחבר'ט מיט שלעכטע חברים זיי האבן מיר איינגערעדט אז אינדרויסן ווארט מיר אפ א גאלדענע וועלט, איך האב מיך געלאזט אך שלעפן נאך זיי און איך בין ארויס געפאלן פון די יידישע לעבן, אבער איך מוז דיר זאגן אז איך האב נישט קיין איין גוטע טאג אין מיין לעבן, איך שעם זיך אבער צוריק צו גיין צו מיינע עלטערן.

אין וועלכע טעות האב איך געמאכט אין ברכת המזון? - פרעגט רבי הערשל.

די האסט געזאגט "שלא נבוש ולא נכלם ולא נכשל לעולם ועד" און לויט וואס איך געדענק מיין טאטע פלעגט נישט זאגן די ווערטער "ולא נכשל" ביי ברכת המזון, און לויט וואס איך געדענק שטייט עס אויך נישט אין די סידורים איז פון ווי נעמסטו צו צולייגן די צוויי ווערטער?

רבי הערשל האט זיך זייער געוואונדערט, א גאנצן לעבן פירט ער זיך צו זאגן די ווערטער "ולא נכשל" און ער געדענקט נישט אז אין סידור שטייען נישט די ווערטער.

איך וועל דאס נאך קוקן און איך וועל דיר זאגן תשובה - האט אים רבי הערשל געענטפערט און צוריק אריין אין בית מדרש.

אין די אוצר איז געווען זייער אסאך סארטן סידורים און רבי הערשל האט זיך גענומען אויף מישן א סידור נאך א סידור, אויף צו ווייזן פאר דעם ארבעטורער אז ער איז גערעכט מיט זיין נוסח פון ברכת המזון, אבער צו זיין וואונדער איז יענער געווען גערעכט, אין אלע סידורים איז געווען דער נוסח אן די ווערטער "ולא נכשל".

געב מיר דיין אדרעס און איך וועל דיר אריין שיקן פונקט ווי ס'שטייט - האט רבי הערשל געזאגט פאר דער פארשוין ווען ער איז אהיים געגאנגען.

ווען ער איז אהיים געקומען איז ער די ערשטע זאך געגאנגען זוכן אין אלע סידורים אינדערהיים, אבער אין קיין איינע פון זיי איז נישט געווען די ווערטער "ולא נכשל".

רבי הערשל איז געווארן זייער נערוועז פון דעם, היתכן ער בענטשט אזוי

אלע יאהרן "ולא נכשל" און ס'שטייט נישט אין קיין איין פלאץ.

פון יענעם טאג און ווייטער האט רבי הערשל נישט געהאט קיין מנוחה, ער מוז טרעפן פון ווי ס'שטאמט דער נוסח "ולא נכשל", רבי הערשל איז אריבער א בית מדרש נאך א בית מדרש אין די גאנצע שטאט, אין יעדע פלאץ וואס ער איז אנגעקומען איז ער געגאנגען זוכ'ן די סידורים און אויף מישן ביי ברכת המזון.

אפאר וואכן זענען אריבער און "יגעת ומצאת תאמין" רבי הערשל גייט אריין אין א בית מדרש און טרעפט א סידור וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געטראפן, ער מישט אויף ברכת המזון און ער טרעפט שווארץ אויף ווייס "שלא נבוש ולא נכלם ולא נכשל לעולם ועד".

רבי הערשל שפרינגט אויף פון שמחה, ער לויפט צו צום גבאי און פרעגט אויב ער קען ארויס נעמען דעם סידור פון בית מדרש פאר אפאר מינוט, ער לויפט אריבער די גאס צו א געשעפט און בעהט צו מאכן א קאפי פון דעם בלאט.

רבי הערשל לויפט אהיים מיט די בלאט ער נעמט א רויטע מארקער און רינגלט ארום די ווערטער "ולא נכשל" ער לייגט אריין די בלאט אין א קאנווערט, נעמט ארויס די אדרעס פון יענעם שייגצ'ל און לויפט אין פאסט שיקן דעם בריוו.

רבי הערשל האט זיך בארוהיגט פון זיין ברען, ענדליך האב איך א מקור צו מיין מנהג.

אבער רבי הערשל אליין האט נישט געוואוסט ווי גוט און וויכטיג איז געווען זיין בריוו.

א קארצע צייט פריהער האט דער בחור זיך באקענט מיט א גויישע מיידל, און זי האט געוואלט חתונה האבן מיט אים, און געווארט אויף א תשובה און א הסכמה פון זיין זייט, דער בחור וואס איז שוין געווען זייער ווייט פון יידישקייט האט געוואלט זייער חתונה האבן מיט איהר, אבער זיינע יידישע נשמה האט נישט געלאזט מנוחה.

ווי אזוי קען איך חתונה האבן מיט א גויעטע און מיך אפ רייסן פון די יידישע פאלק - האט אים א שטימע אינעווייניג נישט געלאזט מנוחה.

אבער איך בין דאך במילא א שייגעץ און א רשע - האט אים די אנדערע שטימע געענטפערט.

אבער איך בין א יוד און א יוד קען אלע מאל תשובה טוהן - האט אים צוריק געענטפערט די שטימע.

און אזוי האבן זיך געפיהרט די מלחמות ביים אים אין הארץ און אים נישט געלאזט מנוחה טאג און נאכט, ער איז געווען אינגאנצן צוריסן אין זיך, דער יצר הרע האט נישט געלאזט מנוחה פון איין זייט, און דער יצר טוב האט אים נישט געלאזט נאך מער פאלן פון די אנדערע זייט.

ער האט געוואוסט די אמת אבער ער האט נישט געהאט די כוחות זיך מתגבר צו זיין.

וויפיל צייט וועל איך נאךווארטן אויף דיין תשובה - האט זי געדריקט אויף אים - איך קען נישט מער ווארטן, איך וויל א קלארע תשובה פון דיר.

גיב מיר נאך דריי טעג - האט ער געבעטן - און דריי טעג ארום ווען איך וועל צוריק קומען פון די ארבעט וועל איך דיר ענטפערן תשובה.

די דריי טעג זענען געווען פאר אים זייער שווערע טעג, דער יצר הרע איז ארויס צו די מלחמה אויף זיין נשמה מיט די שווערסטע כלים, און ער האט געשפירט אז ער קען נישט מער שטיין אין דעם נסיון.

ווען איך קום אהיים רוף איך איהר אן און איך געב תשובה אז איך בין מסכים - האט ער מחליט געווען ביי זיך אין הארץ.

אין יענעם טאג ווען דער בחור איז אהיים געקומען האט אים געווארט אין די פאסט א אומבאקאנטע בריוו.

ער עפענט דעם בריוו, אינעווייניג ליגט א בלאט א קאפי פון ברכת המזון, מיט צוויי ווערטער ארום גענומען מיט רויט "ולא נכשל".

דער בחור האט פארשטאנען וואס ער דארף צו פארשטיין, ער האט פארשטאנען די מעסידזש וואס דער אייבישטער האט אים געשיקט אין די פונקטליכע מינוט, אין יענעם טאג האט ער אפ געזאגט די גויטע, און זיך גענומען מאכן די וועג אויף צוריק צו זיין טאטע אין הימל וואס האט אים געשיקט א קלארע מעסידזש.

ס'איז אריבער א יאהר און דער בחור וואס איז געווארן א ערליכער ייד האט זוכה געווען אויף צו שטעלן א היימישע יידישע שטוב, און ער האט פארשטייט זיך נישט פארגעסן צו רופן רבי הערשל צו זיין חתונה.

*

דער דריטער קאפיטל אין תהילים הייבט זיך אן מיט די ווערטער "מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו" - א מזמור א געזאנג וואס דוד המלך האט געזאגט ווען ער איז אנטלאפן פון זיין זוהן אבשלום, די גמרא וואונדערט זיך ווי אזוי קען דוד המלך זינגען ווען ער מוז אנטלויפן פון זיין אייגענע קינד וואס וויל אים הרגענען? ס'איז דאך א שרעקליכע זאך אז א טאטע מוז אנטלויפן זיך צו ראטעווען זיין לעבן פון זיין אייגענע קינד?

נאר דוד המלך האט געוואוסט - ענטפערט די גמרא - אז ער וועט אמאל מוז'ן אנטלויפן, און ער האט געוואוסט אז דאס וועט זיין דורך איינער פון זיין שטוב, מענטשן וואס וועלן אים וועלן הרגענען, אזוי ווי דער אייבישטער האט אים געזאגט "הנני מקים עליך רעה מביתך" - פון דיין שטוב וועט ארויס קומען אויף דיר א שלעכט'ס, דוד האט די גאנצע צייט געמיינט אז דאס וועט קומען פון איינע פון די קנעכט אדער שרים וואס וועלן ווידערשפעניגן קעגן אים, אבער ווען ער האט געזעהן אז דאס איז אבשלום האט ער זיך בארוהיגט און געזאגט "מזמור".

לכאורה איז דאס זייער שווער צו פארשטיין, מיט וואס האט דאס בארוהיגט דוד המלך? מיט וואס איז יעצט בעסער אז דיין אייגענע קינד וויל דיך הרגענען מער פון איינע פון דיינע קנעכט, ס'איז דאך א מוירעדיגע ווייטונג אז דיין קינד ווידערשפעניגט קעגן דיר וואס איז דא צו זאגן "מזמור"? מיט וואס בארוהיגט דאס דוד המלך?

דער פשט איז - זאגט דער הייליגער דברי יואל זיע"א - אז ס'איז דא צוויי וועגן ווי אזוי א צרה קען קומען אויף א מענטש, ס'איז דא א צרה וואס קומט אויף א נאטירליכע וועג, ס'איז אנגעטוהן אין דרך הטבע, און ס'איז דא א צרה וואס קומט אויף א אפנארמאלע וועג וואס איז נישט א נאטורליכע זאך.

ביידע זענען צרות און ביידע ברענגען א ווייטונג אין דעם מענטש, אבער ס'איז דא א חילוק צווישן ביידע סארט צרות, א צרה וואס קומט אויף א נאטורליכע וועג אנגעטוהן אין דרך הטבע איז טאקע א צרה און ס'טוהט טאקע וויי, אבער א מענטש האט א הסבר פאר דעם, דער מענטש ערקלערט זיך אז "אזוי גייט די וועלט" ס'איז נישטא וואס צו טוהן און "מ'מוז אויך קענען פארלירען" דאס וועקט נישט אויף דעם מענטש צו תשובה טוהן, צו זיך שטארקן און זיך צו דערנענטערן צום אייבישטער.

אבער א צרה וואס קומט אויף א מאדנע וועג אויף א וועג וואס מ'איז נישט צו געוואוינט צו דעם, דא וועקט זיך אויף דער מענטש און דאס ברענגט א מענטש אריין צו טראכטן און זיך פרעגן "על מה עשה ה' ככה" פארוואס איז דאס געשעהן וואס וויל מען פון מיר דא? אזא צרה האט אפילו א מעלה מער פון א נאטורליכע צרה, ווייל דאס האט מער כח צו ברענגען דעם מענטש זיך צו שטארקען און זיך צו פארבעסערן.

אין דאס האט דוד המלך געזאגט - ערקלערט דער הייליגער דברי יואל זיע"א - דוד המלך האט מורא געהאט אז איינער פון זיינע קנעכט וועט

ווידערשפעניגן און דעמאלס וועט ער גארנישט באמערקן אז דער אייבישטער וויל פון אים עפעס, ער וועט זיך אריין לייגן אין די נאטורליכע מלחמה צו צוברעכן די ווידערשפעניגערס און נישט פארשטיין די מעסידזש וואס דער אייבישטער שיקט אים.

אבער יעצט ווען אבשלום איז אויף געשטאנען א קעגן אים, ווען ער האט געמוזט אנטלויפן פון זיין אייגענע קינד וואס וויל אים הרגענען, ווען ס'איז געקומען אויף אים אזא נישט נארמאלע צרה, האט דוד געדאנקט און געלויבט אז ס'איז געקומען אויף אזא אופן און אזוי האט ער שנעלער פארשטאנען וואס דער אייבישטער וויל פון אים.

אזוי איז אויך די תוכחה ווען ס'ווערט געזאגט בלשון רבים, אזוי ווי אין פרשת בחוקותי קען יעדער איינער טראכטן ביי זיך נו, אזוי געשעהט ביי יעדער איינער דאס איז א צרת רבים אזוי איז דער מצב פון די וועלט, מ'דארף פשוטווארטן דער מצב זאל אריבער גיין און זיך בארוהיגן, וועגן דעם לייענט מען דאס אין איין שטיק ס'זאל זיך ארויסווייזן מיט די גאנצע שרעק און אויף וועקן וועמען ס'דארף אויף וועקן, אבער אין פרשת כי תבא דארט שטייט עס פערזענליך בלשון יחיד פאר יעדער איינער אליין, דארט קען מען שוין יא מפסיק זיין אינמיטן, ווייל אויב יעדער נעמט עס אן פערזענליך און פארשטייט וואס מ'וויל פון אים, איז מען שוין אנגעקומען צום עיקר פון די זאך.

ווען דוד המלך האט געזעהן אז ס'איז געקומען א מגיפה אין כלל ישראל, און אזוי פיל מענטשן זענען אום געקומען האט ער פארשטאנען אז דער אייבישטער רעדט דא צו אונז און ער וויל אונז עפעס אויסלערנען, ער זאגט אונז עפעס און מיר דארפן פראבירן צו פארשטיין וואס ער וויל.

דוד המלך האט פארשטאנען אז אויב אזוי פיל מענטשן שטארבן יעדן טאג איז דא א גרויסע כעס אויף כלל ישראל ס'איז א עת צרה און מ'דארף זיך מחזק זיין, ער האט פארשטאנען אז דער אייבישטער ווייזט ארויס מיט דעם אז מיר דארפן עפעס טוהן זיך צו דערנענטערן.

אבער וואס וויל ער פון אונז? תורה? תפילה? מעשים טובים? מיר ווייסן דאך נישט וואס ער וויל פון אונז, מיר פארשטיין נישט וואס מ'דארף מתקן זיין און פון ווי מ'הייבט אן, איז ווי אזוי קען מען עפעס פארבעסערן?

האט דוד המלך געמאכט א חשבון, אויב מיר פארשטייען זיך נישט ריכטיג, אויב מיר האבן נישט ארויס וואס ער וויל פון אונז, אויב צוויי נאנטע פארשטייען זיך נישט איינער מיט'ן צווייטן איז פשט אז מרעדט נישט ריכטיג איינער מיט'ן צווייטן, אויב ס'איז דא פראבלעמען אין שלום בית צווישן צוויי מענטשן וואס וואלטן געדארפט זיין נאנט איז די פשט אז מ'רעדט נישט ריכטיג צוזאמען, מ'באמערקט גארנישט וואס יענער טוהט פאר מיר און ווי יענער זארגט זיך פאר מיר, ווען איך וועל אנהייבן צו רעדן מיט יענעם וועלן מיר זעהן אז מ'קען זיך פארשטיין.

דוד המלך האט פארשטאנען אז די ערשטע זאך וואס מ'מוז מתקן זיין איז די שלום בית צווישן כלל ישראל מיט'ן אייבישטער, און די ערשטע זאך איז אז מ'דארף אנהייבן צו רעדן, ווייל ווען מ'רעדט גארנישט איינער מיט'ן צווייטן איז דאס שרעקליך, ווען מ'וועט אנהייבן צו רעדן איינער מיט'ן צווייטן וועט די כעס אראפ גיין.

האט דוד מתקן געווען די הונדערט ברכות - דאס מיינט מ'זאל אנהייבן צו רעדן און צו רעדן שיין צום אייבישטער, האסט באקומען א גלאז וואסער דערקען אז איך האב דיר געגעבן זאג יישר כח מאך א קלארע ברכה "שהכל נהיה בדברו", איך האב דיר געגעבן אויגן צו זעהן, דערקען די טובה און באדאנק דיך אויף דעם, און מאך א ברכה "פוקח עיורים".

דוד המלך איז געקומען און פאראכטן די "קאנעקשן" - דער קשר צווישן כלל ישראל צום אייבישטער, אויב דער קשר וועט זיך צוריק שטארקן מ'וועט אנהייבן צו רעדן צו אייבישטער, און אז מ'וועט שוין רעדן וועט מען אויך פארשטיין וואס ער רעדט צו אונז, און מ'וועט פארשטיין די מעסידזשעס וואס ער שיקט אונז, וממילא וועט די בייזקייט אוועק גיין און מ'וועט צוריק קומען צו די בחינה פון "אבינו אב הרחמן".

די גמרא זאגט אין ברכות אז א מענטש וואס האט נישט געהאט יסורים פערציג טאג "עולמו ראה בחייו" האט ער באקומען זיין גוטסקייט אויף דער וועלט און ער האט פארלוירען פון זיין עולם הבא.

פרעגט דער הייליגער בעש"ט - פארוואס האט דער מענטש פארלוירען זיין עולם הבא? וואס איז אזוי שלעכט אז א מענטש וועט האבן אביסל גוטע טעג דא אויף דער וועלט? בפרט אז מיר ווייסן דאך אז איינע פון די מידות פון דער אייבישטער איז "חפץ חסד הוא" ער האט ליב צו מאכן גוטס פאר מענטשן און ער איז א "א-ל רחום וחנון", איז פארוואס אויב אזוי מוז א מענטש האבן יסורים?

נאך מער איז שווער אז מיר זעהן אז ווען מ'רעדט פון יסורים רעדט מען נישט פון גרויסע צרות, די גמרא זאגט אז אויב א מענטש האט אריין געלייגט די האנט אין טאש צו זיכן א מטבע, און ער האט געטראפן א אנדערע און ער מוז נאך אמאל זוכן די ריכטיגע דאס קען זיך שוין רעכנען פאר יסורים, איז וואס איז דער גאנצער ענין פון די יסורים? און פארוואס איז אזא קליינע זאך שוין אויך יסורים? און פארוואס ווען מ'האט עס נישט קען מען פארלירן די עולם הבא וועגן דעם?

דער פשט איז -זאגט דער הייליגער בעש"ט - אז "יסורים" איז פון דעם לשון "ישורים" - אויסגלייכן, דער אייבישער וויל מיר זאלן נישט פארגעסן פארוואס מיר זענען דא שיקט ער אונז די גאנצע צייט "יסורים - ישורים" סימנים זאלן אונז העלפן זיך אויס צו גלייכן מיט די וועג און נישט פארגעסן וואס מ'האט צו טוהן, און וועגן דעם מוז יעדער יוד האבן יסורים וואס וועלן אים ווייזן זיין וועג און אים געבן סימנים אויב ער איז ארויס פון די וועג און ער דארף זיך אויסגלייכן.

אבער יסורים מוז גארנישט זיין זאכן וואס טוהן וויי, יסורים קען אויך זיין א קליינע מטבע וואס מ'זוכט און מ'טרעפט נישט, יסורים קען זיין קליינע סימנים און וועג ווייזער'ס מיר זאלן געדענקען די וועג, און אויב מ'פארשטייט דעם סימן קען עס בלייבן אויף די מדרגה און מ'האט שוין יוצא געווען די יסורים, און נאר ווען איינער פארשטייט נישט די שפראך דעמאלס מוז מען רעדן מיט אים מיט גרעסערע סימנים און יסורים אריבער צו פירן די מעסידזש.

אבער ווען די "קאנעקשן" צווישן כלל ישראל מיט'ן אייבישטער איז אפען, אויב ס'איז דא שלום בית צווישן כלל ישראל מיט'ן אייבישטער און מ'רעדט צוזאמען - אזוי ווי דוד המלך האט מתקן געווען דעמאלס דארף מען נישט צוקומען צו יסורים און מ'קען זוכה זיין צו "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך" בביאת גוא"צ בב"א.

**הודעה חשובה**

יעצט קען מען באקומען דעם גליון אויך דורך דעם "לוח היום" אויפ'ן מייל info@luachhayom.com

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW